דאָס בוך איז רעדאַגירט און צוגעגרייט צום דרוק דורך
יעקב מעסטל

☆

# YIDDISHE DRAMATURGN UN TEATER-COMPOSITORS

(YIDDISH PLAYWRIGHTS AND THEATRE-COMPOSERS)

by

SHOLEM PERLMUTTER

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

Copyright 1952, by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., 37 East 18th Street, New York 3, N. Y.



שלום פערלמוטער

(אין יאָר 1924)

## לזכרון

## מײַן פֿרוי חנה פּערלמוטער

געשטאָרבן דעם 27טן סעפּטעמבער, 1949



שלום פערלמוטער און זיין פרוי, חנה

## אַ טרייסט

צו מיינע קינדער

שרה, אביגדור, אשר-זעליג, יעקב און יהושע

## אַ מתּנה

דער ייִדישער אַקטיאָרן יוניאָן

# אַלעקסאַנדער (יהושע) אָלשאַנעצקי

(1946 — 1892)

פאַר לאַנגע יאָרן האָבן יידישע מוזיקער געפּרואווט באַווייזן און באַגרינדן דעם געדאַנק, אַז ס׳איז פאַראַן אַ ספּעציפישע, אייגנאַרטיקע יידישע מוזיק, ווי ביי אַנדערע פעלקער, וואָס האָט איר אורשפּרונג אין דעם ליד, אין דער מעלאָדיע, וואָס איז געזונגען געוואָרן צווישן פאָלק זייט דורות. די ברייטע מוזיקאַלישע וועלט האָט אַזאַ באַהויפּטונג נישט געוואָלט אָנערקענען. זי האָט נישט געוואוסט, אָדער ניט געוואָלט וויסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ מין זאַך, ווי יידישע מוזיק. אָבער נישט קיין קלענערער, ווי דער באַרימטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר רימסקי קאָרסאַקאָוו, האָט אָנערקענט, אַז ס׳איז יאָ פאַראַן אַן אייגנאַרטיקע יידישע מוזיק. „יידישע מוזיק — האָט ער געזאָגט — איז פאַראַן, נאָר זי איז נאָך איך אַ רויער, אומבאַאַרבעטער פאָרם. זי וואַרט נאָך אויף איר גלינקאַן, וואָס זאָל זי שאַפן און אַרויסברענגען פאַר דער וועלט״. דער דאָזיקער „יידישער גלינקא״ איז אפשר געווען דער יידישער קאָמפּאָזיטאָר אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי.

יידן מוזיקער האָבן מיר תמיד געהאַט, צווישן זיי קאָמפּאָזיטאָרס, וועלכע האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַלגעמיינער מוזיק אין אַלע לענדער, צווישן אַלע פעלקער. יידן האָבן אויך געגעבן דער וועלט באַרימטע ווירטואָזן און דיריגענטן, אויסטייטשער און פאַרשפּרייטער פון אַלגעמיינער מוזיק. אָבער יידישע מוזיקער, וואָס זאָלן אַרויסברענגען פאַר דער וועלט עכטע טיפּיש־יידישע מוזיק, וואָס דריקט־אויס יידישע בענקעניש, יידישע חלומות, פריידן אוןליידן, זיינען געווען וויניק. די מיינסטע פּרוּוון זיינען געמאַכט געוואָרן אַרום מוזיקאַלישע באַאַרבעטונגען פון פאָלקסליד. אָלשאַנעצקי איז געווען צווישן די ערשטע צו ברענגען צום יידישן טעאַטער „יידישע מוזיק״ אין איר ברייטערן, טיפערן באַנעם. ער האָט אויך, צוזאַמען מיט אַנדערע טאַלאַנטירטע יידישע קאָמפּאָזיטאָרס, געהאָלפן ברענגען די יידישע מוזיק צו די אויערן פון דער ברייטער מוזיקאַלישער וועלט אין אַלע לענדער.

ס׳איז מערקווירדיק: ביי יידן, פאַר וועלכע געזאַנג איז אַ טראַדיציע און פאַרנעמט אַזאַ גרויסן און וויכטיקן פּלאַץ אין לעבן, האָט זיך די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלער מוזיק־קולטור אָנגעהויבן ערשט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ביז דעמאָלט האָבן די מערסטע יידישע קאָמפּאָ־

זיטאָרס, מוזיקער און זינגער אַוועקגעגעבן זייערע בעסטע כוחות פאַר פרעמדע מוזיק־קולטורן. אָבער די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן יידישע קאָמפּאָזיטאָרס אין אַמעריקע, ווי יוסף רומשינסקי, שלום סעקונדא, מיכל געלבערט, אברהם עלשטיין, זייִנוול זילבערט, העני לעפּקאָוויטש א. א., זיך אָפּגעגעבן מיט זאַמלען און באַאַרבעטן דאָס יידישע פאָלקס־ליד, וואָס אַנטהאַלט אין זיך געזונטע, אומצעשטערבאַרע וואָרצלען נאָך פון דער פריסטער קולטור־צייט פון אונדזער פאָלק, — און צווישן זיי איז אויך געווען אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי. אַדאַנק דעם האָט דער יידישער קאָמפּאָזיטאָר באַקומען אַ פרישן קוואַל, פון וואַנען צו שעפּן פאַר זיינע שאַפונגען.

אַ רייכע יידישע מוזיק־ליטעראַטור שטעלן מיט זיך פאָר די צענד־ליקער יידישע אָפּערעטעס און לידער, וואָס דער באַגאַבטער אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה. אין משך פון די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט האָט ער געהאָלפן פאַרקירעווען די יידישע אָפּערעטע אויף גאַנץ נייע וועגן. ער האָט גוט געקענט דעם געשמאַק פון עולם; ער האָט געוואוסט, אַז די אַנהענגער פון דער אָפּערעטע און פון דעם לייכטן ליד זיינען ניט קיין גרויסע פיינשמעקער, און אַז די גרויסע צאָל פון זיי מאַכט מיט זייער באַזוך מעגלעך די עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער. כאָטש ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ סך יאָרן מוזיק־קולטור, האָט ער אָבער אַלע מאָל אין זינען געהאַט דעם ברייטן עולם טעאַטער־באַזוכער, וועלכע נעמען־אויף מוזיק בחוש, מיטן געפיל, און ניט על פי „טעאָריע". ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ברייטער עולם קומט אין טעאַטער פשוט זיך אויסרוען אַביסל, פאַרברענגען, הערן האַרציקע מעלאָדיעס, וואָס זאָלן זיי אַמוזירן. דערפאַר האָבן זיינע מעלאָדיעס דער־גרייכט די מאַסן. זיין מוזיק האָט געווירקט אויף די געפילן. דעריבער איז זיין ליד, מיט אַלע זיינע הויכע קינסטלערישע כוונות און ווערטן, וואָס מיר געפינען אין זיינע קאָמפּאָזיציעס, אַזוי לייכט אַריבער צום עולם, וועלכער האָט זיך געקוויקט מיט די מעלאָדישע נגונים פון זיין „שטעטעלע בעלז", „יידישקייט", „איך האָב דיך צופיל ליב", „זלאַטאָפּאָל", „דער יידישער נגון", „שירו לד׳ שיר חדש" און אַ סך אַנדערע. מאַסן טעאַטער־גייער פלעגן אויפכאַפּן אָלשאַנעצקיס ליד און עס נאָכזינגען, גייענדיק פון טעאַטער, דערנאָך אין דער היים און ביי דער אַרבעט. אָלשאַנעצקיס ליד איז געווען דער אויסדרוק פון אַלע נאַטירלעכע געפילן.

אָלשאַנעצקי האָט זייער לייכט אויפגעכאַפּט דעם אַמעריקאַנער טאָן פון דער צייט. אין זיין לעצטער אָפּערעטע „אַלע ווילן חתונה האָבן"

(ליברעטאָ פון דזשולי בוירנס) האָט ער באַוויזן, ווי אויסערגעוויינלעך קאָלירפול ער איז אין זיינע אָרקעסטראַציעס, וואו ער האָט אויסגענוצט אַלע מעגלעכע עפעקטן און קאָמבינאַציעס פאַר האַרמאָניע. ער איז געווען אַן אייגנאַרטיקער קינסטלער, אַ קרעפטיקער קאָמפּאָזיטאָר, און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טיפן מוזיקאַלישן וויסן און פייערדיקן ריטם. זיינע קאָמפּאָזיציעס זיינען פול מיט יידיש לעבן, אָן צוגעטראַכטער איידלקייט, אמת און עכט. אַזוי איז אויך געווען זיין אינטערעסאַנטע, קאָלירפולע פּערזענלעכקייט. זיין גאַנצע ברויזנדע נשמה האָט ער אַריינגעלייגט אין יידישער מוזיק, און מיט דעם האָט ער באַרייכערט די יידישע אָפּערעטע. זיין אויסגעצייכנטע „ישראל־ראַפּסאָדיע", אין וועלכער ער האָט צוזאַמענגעקליבן און סימפאָניש באַאַרבעט אַ סך ישראל־לידער, איז דורכגעקנאָטן מיט נאַציאָנאַלער מוזיק, מיטן גייסט פון דער ביבלישער און היינט־צייטיקער יידישער מעלאָדיע. די „ישראל־ראַפּסאָדיע" ווערט אָפט געשפּילט פון דעם „נעשאָנאַל סימפאָני אָרקעסטער" אין וואַשינגטאָן און אויך אויף קאָנצערטן איבערן לאַנד. זיין ליד „איך האָב דיך צופיל ליב" איז אין אַ נייער ענגלישער ווערסיע געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער מוזיקער פרעד וועריגנ האָט פון דעם געשאַפן אַ סימפאָניש־ווערק, וואָס ווערט זייער אָפט געשפּילט פון זיין אָרקעסטער.

אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי איז געווען דער מאָדערנער קאָמפּאָזיטאָר, דער מוזיקער פון זיין צייט. אין אַ שנעלן טעמפּאָ האָט ער געמאַכט זיין קאַריערע, און נאָך שנעלער האָט אים דער טויט פון אונדז אַוועקגעריסן. און וואָלט דער יידישער טעאַטער איצט געשטאַנען אויף דער שטופע, ווי אין זיין צייט, וואָלט געווען זייער שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי מיר וואָלטן געקאָנט אויסקומען אָן אַלעקסאַנער אָלשאַנעצקיס שאַפונגען. ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, דעם 3טן יוני 1946.